יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

היינט 8 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 275 | Łódź, Czwartek 30 listopada 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י"ב כסלו תרצ"ד | № 275 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# דער פאגראם אין יאסי

## העלדישער ווידערשטאנד פון דער יוד. זעלבסטשוץ

**הונדערטער יודישע וואוינונגען און געשעפטען דעמאלירט. — גאסען בעלעגט מיט יודיש האב און גוטס. — יודישע מעדעל־שולע בעווארפען מיט שטיינער. — יודישע קהלה פאטאגראפירט די חורבות. — יודישע בעפעלקערונג לעבט אין שרעק**

## מעמאריאל פון דער יודישער קהלה אין יאסי צום פעלקער־בונד

בוקארעשט, 29. (יט"א טעלעגראפיש).

בעת די לעצטע אנטיסעמיטישע אנגריפען אין יאסי האט די יודישע זעלבסטשוץ געשטעלט די בא־ליגאנטען א העלדישען ווידערשטאנד, די זעלבסטשוץ האט אפגעשלאגען דעם יודישען קווארטאל און אפ־געשלאגען די כוליגאנישע באנדעס.

דאנעגען איז דער פאגראם אין אנדערע געגענ־דען געווען א מוראדיגער. ס'זענען דעמאלירט גע־ווארען הונדערטער יודישע וואוינונגען. די גאסען זענען בעלייגט מיט יודיש האב און גוטס. א יודישע מידעל־שולע איז בעווארפען געווארען מיט שטיי־נער, דערביי זענען פיל שילערינס געפאלען אין חלשות.

די פאליציי האט ארעסטירט 150 קולוסטען, די רובסטער דעם בעוואוסטען רומענישען כוליגאן קאדרעאנו, היינט איז אין יאסי שוין געווען רוהיג די יודישע קהלה אין יאסי פאטאגראפירט די חורבות ס'ווערט אויסגעארבייט א מעמאריאל צום פעלקער־בונד.

דער פאגראם האט אויף דער יודישער בע־פעלקערונג געמאכט א שרעקליכע איינדרוק. מען לעבט באנג אין שרעק. אז די אנגריפען זאלען זיך נישט איבערחזרן.

בוקארעשט, 29. (יט"א טעלעגראפיש).

דאס אינערן־מיניסטעריום טיילט מיט אז אין גאנצען לאנד הערשט רוה, צו קיין נייע אינצידענ־טען איז נישט געקומען. ס'זענען ארויסגעגעבען געווארען אלע נויטיגע פעראָרדנונגען צו פארזיכ־ערן די רוה און אויסמיידן דאס איבערחזרן זיך פון אנגריפן וועלכע יודען ארויסגערופען דורך פרא־וואקאטארען וועלכע האבען זיך אריינגעריסען אין די הויכשולען.

## אמעריקע פערגרעסערט די ארמעי

### פאדערונג פון שעף פון גענעראל־שטאב

וואשינגטאן, 29. (ספ. טעל.)

אין דעם יעהרליכען בעריכט פון דער אמערי־קאנער ארמעי, פאדערט דער שעף פון גענעראל־שטאב דוגלאס מאקארטור צו פערגרעסערן די צאהל פון דער אמעריקאנער ארמעי פון 120 טויזענד אויף 165 טויזענד.

דער גענעראל־שטאב שטעלט פעסט אז אין פאליטיגען מאמענט איז ער נישט אימשטאנד צו גא־ראנטירען דעם לאנד די זיכערקייט, ער פארלאנגט ווייטער צו מאדערניזירען און מעכאניזירען דאס מלחמה־מאטעריאל אז דיזע דער מלחמה האבען די פעראלטעטע שטאלען אויסגעבויט קוים 12 טאנקען.

## אפיציעלער קאמוניקאט וועגען סאכאצקין

מאסקווע, 29. (ספ. טעל.)

די סאוויעטישע פרעסע פערעפענטליכט אן אפיציעלען קאמוניקאט פון צענטראלען קאמיטעט פון קאמוניסטישער פארטיי, וועלכע מעלדעט וועגען בעדייטיגען סאבאטאזש פון דער קאמוניסטישער פאר־טיי. וועגען ארעסט פון סאכאצקין ווערט אין'ם קא־מוניקאט גארנישט געזאגט. לויט די קלאנגען וואס געהען ארום געפינט זיך סאכאצקי אין טורמע.

# פון 1-טען ביז'ן 5-טען דעצעמבער דארף מען איינצאהלען

# די 3-טע ראטע פון דער נאציאנאלער הלואה!


**וויכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג**

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען דאס

**אמבולאטאריום**

ביים פעראיין „עזרת עניים"

נאדלודסקא 8, טעל. 153-99

וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו. שיקט ארוים דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך **דענטיסטישע הילף**

וואטשיקס און דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאה־לונגען. די פערוואלטונג.

**„לינת הצדק"**

לאדז, ציגעל־גאס 17

דער פיזיקאליש טעראפישער קאבינעט

איז טעטיג טעגליך פון 1—11 און פון 4—6 אוונד און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר־ספעציא־ליסט, קווארץ־לאמפען, דיאטערמיע, סא־לוקס, עלעקטרישע בעדער. ערמעסיגטע פרייזען.

וויכטיג פאר דאמען נאר 2 זל. ווערע פאר איבערגען מאכט די עלטעסטע היטען אויף גאנץ נייע און אויף נייע איטען צו 3.50 געדענקט די אדרעס „TOLA" 23 Zawadzka 23

גרעסטער אויסוואהל ביי

**Szczęśliwy**

פון — מענער-רעשטען

אויף אנציגער און פאלטענס, בילינצער, טאמאשאווער א. א. פון די בעסטע קוואליטעטען מאדערנסטע מוסטערן, צו די בילינסטע פרייזען.

יעדער קויפער בעקומט ראבאט.

קומט און איבערצייגט אייך!

5 נאוואמיעסקא 5

ביי R. Szczęśliwy

פראנט 2-טער שטאק

געדענקט דעם אדרעס.

נאוואמיעסקא 5 פראנט 2 שטאק

**אויפפאדערונג!**

איך פאדער אויף דעם בליאכארזש ה' **זיסקינד זילבערבערג**, פושעיאזד 46, מיר צו ערלעדיגען מיין הוב פאר מיינע פריינטערנעגע צייטונגען, אין געגענפאל נעהם איך ארפ פון מיר די פעראנט־ווארטליכקייט פאר די ווייטערדיגע פאל־גען. אין גיב א טערמין ביז זונטאג, ד. 3 דעצ. ד. י. צייטונגס־פערטריבער נארוטאוויטש 36.

פערזאמלונג פון פוזנער מערק־פאהרער

ביים 2. קליינהענדלער־פעראיין, אלט־שטאט 10

מיר מאכען בעקאנט, דאס צוליב דעם טערארער פון די קריסטליכע מערק־פאהרער אויף די יודישע הענדלער, רופען מיר אויף היינט, דאנערשטאג, ד. 30 נאוו. 12 א זייגער בייטאג

**א מאסען־פערזאמלונג**

אין 2. קליינהענדלער־פעראיין, צו בעטראכ־טען די טרויעריגע לאגע פון די פוזנער מערק־פאהרער. מיטגלידער און נישט־מיט־גלידער קומט מאסענווייז.

די פערוואלטונג.

**די נייעסטע מאדעלען שיך**

פון קארנאוואל- און שפאציר-

פון דער פירמע

**A. Ogórek, Zawadzka 11**

וועלען זיך גע־פינען אויף דער **מאדע-רעוויע**

אין פילהארמאניע, זונטאג, דעם 3/12, 12 א זייגער בייטאג.

**אויגען - קליניק**

מיט שטענדיגע בעטען פון

**Dr. B. Donchin**

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוונד.

DR. MED.

**FAMILIER**

אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 62

נעהמט אן פון 12.30 ביז 1.30 בייטאג און פון 6.30 ביז 7.30 נאכם.

**Wajnberg**

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז־קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

Dr. med.

**Haltrecht**

ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—1 מיטאג און פון 6—9 אוונט, זונטאג פון 10—1 בייטאג.

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטער־און לעטשניצע־פרייזן


6279

